41 וואַכן מיט מיר איין שעה? האַלט וואַך און טוט
תּפֿילה, כּדי איר זאָלט נישט קומען צו קיין נסיון! דער
גייסט איז טאַקע ווייליק, דאָס פֿלייש אָבער איז שוואַך.
42 ווידער איז ער צום צווייטן מאָל אַוועקגעגאַנגען, און
האָט תּפֿילה־געטאָן, אַזוי צו זאָגן: מיין פֿאָטער, אויב
דאָס דאָזיקע קען נישט פֿאַרבייגיין, אַ חוץ איך זאָל עס
43 טרינקען, זאָל דיין רצון געשעען! און ער איז געקומען
און האָט זיי ווידער געפֿונען שלאָפֿן; וואָרום זייערע
44 אויגן זענען געווען שווער. און ער האָט זיי איבערגע־
לאָזט, איז ווידער אַוועקגעגאַנגען, און תּפֿילה־געטאָן
צום דריטן מאָל, זאָגנדיק נאָכאַמאָל די זעלביקע
45 ווערטער. דאַן גייט ער צו צו די תּלמידים, און זאָגט
צו זיי: איר שלאָפֿט נאָך אַלץ, און רוט? זע, די שעה
האָט זיך דערנענטערט, און דער בן־אדם ווערט
46 פֿאַרראַטן אין די הענט פֿון חוטאים! שטייט אויף,
לאָמיר גיין! זע, דער וואָס פֿאַרראַט מיך איז נאָענט!
47 און בשעת ער האָט נאָך גערעדט, זע, יהודה,
איינער פֿון די צוועלף, איז געקומען און מיט אים אַ
גרויסער המון מיט שווערדן און שטאַנגען, פֿון די
48 הויפּט־כּהנים און זקנים פֿון פֿאָלק. דער אָבער,
וואָס האָט אים פֿאַרראַטן, האָט זיי געגעבן אַ צייכן,
און געזאָגט: וועמען איך וועל געבן אַ קוש, דער
49 איז עס, כאַפּט אים! און גלייך איז ער צוגעגאַנגען
צו ישוען, און געזאָגט: שלום, רבי! און האָט אים
50 געקושט. ישוע אָבער האָט צו אים געזאָגט: פֿריינט,
צו וואָס ביסטו געקומען? דעמאָלט זענען זיי צוגע־
גאַנגען און האָבן אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף ישוען,
51 און אים גענומען. און זע, איינער פֿון די, וואָס
זענען געווען מיט ישוען, האָט אויסגעשטרעקט די
האַנט, און אַרויסגעצויגן זיין שווערד, און האָט
געשלאָגן דעם כּהן־גדולס קנעכט, און אים אָפּגעהאַקט